**יוצא לאור לשמחת תורה ה'תשע"ו - "שנת הקהל"**

**(מספר 29)**

ספרי' — אוצר החסידים — ליובאוויטש

# בשורת הגאולה

•

מאת

כבוד קדושת

**אדמו"ר מנחם מענדל שליט"א**

**שניאורסאהן**

מליובאוויטש

**מלוקט מספרי השיחות תש"נ-תשנ"ב**

יוצא לאור על ידי מערכת

**"אוצר החסידים"**

770 איסטערן פארקוויי — ברוקלין, נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות חמשים ושלש לבריאה

הי' תהא שנת נפלאות גדולות

השער להוצאה הראשונה

# מפתח ותוכן

## תשנ"ב

מב. ........................................................................ 3

עומדים על סף הגאולה, "הנה זה (משיח) בא", ותיכף ומיד - כבר בא; "הכל מוכן לסעודה", סעודת לויתן ושור הבר ויין המשומר; בזמננו זה תיכף ומיד לפני הגאולה, צ"ל עבודתינו והנהגתינו בכל הענינים בחיי יום יום, מעין ובדוגמת כפי שיהי' בימות המשיח - עבודה שהיא חדורה בענין הגאולה ומשיח; לימוד עניני גאולה ומשיח; תינוקות של בית רבן נקראים "משיחי", הדגשה מיוחדת בדורנו זה - ילדי צבאות השם

(ליל שמח"ת)

Reprinted with permission by:
**Moshiach Awareness Center,**
a Project of:
**Enlightenment For The Blind, Inc.**
602 North Orange Drive.
Los Angeles, CA 90036
Tel.: (323) 934-7095
Fax: (323) 934-7092

http://www.torah4blind.org
e-mail: yys@torah4blind.org

**Rabbi Yosef Y. Shagalov,**
**Executive Director**

Printed in the U.S.A.

# בשורת הגאולה

## מב.

ע״פ המדובר כמ״פ לאחרונה, אַז לויט אַלע סימנים שטייען מיר היינט אויף דעם שוועל פון דער גאולה, ווען ״הנה זה (משיח) בא״[1], ותיכף ומיד רגע לאח״ז – כבר בא.

דערפון איז אויך מובן בנוגע צו דער עבודה פון אידן וואָס פאָדערט זיך בשמחת תורה, והמשכה במשך כל השנה כולה, ובמיוחד בשנה זו – אַן עבודה דורכגעגנומען מיט דעם ענין פון גאולה און משיח. דאָס הייסט, אַז אַ אידן׳ס אויפפירונג אין אַלע ענינים אין זיין טאָג טעגלעכן לעבן אויך בזמן הזה תיכף ומיד פאַר דער גאולה – איז מעין ובדוגמת דעם לעבן און הנהגה פון אידן בימות המשיח ממש.

[וואָס דאָס איז אויך די הדגשה המיוחדת בתקופה האחרונה בהנוגע דעם לימוד פון ״הלכתא למשיחא״, די הלכות וואָס זיינען נוגע צו דעם לעבן פון אידן בזמן הגאולה].

איינער פון די ענינים העיקריים לעתיד לבוא – איז (ווי געבראַכט פריער פון תניא) וואָס דעמאָלט וועט זיין די שלימות פון ״אתה הראת לדעת כי ה׳ הוא האלקים אין עוד מלבדו״[2]; עס וועט נתגלה ווערן בכל העולם כולו אַז עס איז ניטאָ קיין מציאות אחרת זולתו ית׳, ״אין עוד מלבדו״.

ובדוגמת זה פאָדערט זיך אויך אין דעם לעבן פון אַ אידן – אַז ער זאָל דערהערן און פילן בכל עניניו ממש, אַז ״אין עוד מלבדו״. דאָס הייסט: ניט בלויז אַז די כוונה און תכלית פון אַלע עניני העולם איז אלקות, ובמילא איז זיין עבודה אין אַן אופן וואָס ״כל מעשיך לשם

1) שה״ש ב, ח ובשהש״ר עה״פ.

2) ואתחנן ד, לה.

שמים"[3], און „בכל דרכיך דעהו"[4], אָבער ס'איז פאַראַן אַ מציאות פון „חול", „מעשיך" און „דרכיך" (נאָר – תכליתם איז קדושה), נאָר נאָכמער: אַז די עניני העולם עצמם זיינען אלקות, און במילא „הערט" זיך מלכתחילה כלל ניט קיין אַנדער מציאות, וואָרום „אין עוד מלבדו"...

– ועפ"ז אולי יש לומר דעם ביאור אין דעם עיכוב המבהיל פון דער גאולה – אַז דאָס איז מצד דעם וואָס באַ אידן האָט געפעלט שלימות אין דער דרגא פון עבודה באופן פון „אני לא נבראתי אלא לשמש את קוני"[5], וואָס דוקא דורך דעם קומט מען צו דער גאולה וועלכע וועט זיין אין דעם אופן (פון „אין עוד מלבדו"). – איצטער איז אָבער דער עיכוב שוין אויך אַראָפּ, ובמילא איז „הכל מוכן לסעודה", סעודת לויתן ושור הבר ויין המשומר[6] בגאולה האמיתית והשלימה תיכף ומיד ממש.

... חז"ל זאָגן[7]: „אל תגעו במשיחי[8] אלו תינוקות של בית רבן".

איינער פון די ביאורים אין דעם (נוסף אויף דעם פירוש אין מפרשים): דער חינוך פון תינוקות של בית רבן דאַרף זיין אין אַן אופן אַז די תינוקות ווערן אינגאַנצן דורכגענומען און דורכגעדרונגען מיט דעם ענין און נקודה פון „משיח", אַזוי, אַז בשעת מ'גיט נאָר אַ קוק אויף אַ אידיש קינד איז וואָס זעט מען? – משיח'ן!

זייער גאַנצע מציאות איז „משיח" – דער גילוי פון „אתה הראת גו' אין עוד מלבדו".

... דער ענין איז ספּעציעל אונטערשטראָכן אין די תינוקות של

3) אבות פ"ב מי"ב. רמב"ם הל' דיעות ספ"ג. טושו"ע או"ח סרל"א.

4) משלי ג, ו. וראה רמב"ם וטושו"ע שם. שו"ע אדה"ז או"ח סקנ"ו ס"ב.

5) משנה ובריייתא סוף קידושין. כ"ה גירסת הש"ס כת"י (אוסף כתבי־היד של תלמוד הבבלי, ירושלים תשכ"ד) במשנה ובריייתא הנ"ל. וכן הובא במלאכת שלמה למשנה שם. וראה גם יל"ש ירמי' רמז רעו.

6) ראה ברכות לד, ב. ב"ב עה, א. ויק"ר פי"ג, ג. ועוד.

7) שבת קיט, ב.

8) דברי הימים־א טז, כב.

בית רבן פון אונזער דור – וועלכע ווערן אָנגערופן (בהסכמת גדולי ישראל) מיטן נאָמען „צבאות השם":

דער נאָמען „צבאות השם" באַדייט – אַז די קינדער זיינען אינ־גאַנצן איבערגעגעבן און בטל צו דעם אויבערשטן, בדוגמא (און נאָך מער) ווי „סאָלדאַטן" צו זייער „גענעראַל" . . דערפון איז מובן, אַז אין די אידישע קינדער – אינגעלעך און מיידעלעך – פון אונזער דור, איז נאָך מער ניכר בגלוי ווי זיי זיינען „משיחי", „משיחי" פון דעם אויבערשטן אַליין. וועלכע ווערט די הכנה והקדמה קרובה אויף דער התגלות פון דעם משיח הכללי פון אַלע אידן, בגאולה האמיתית והשלימה.

ו„כימי צאתך מארץ מצרים אראנו נפלאות"[9]: כשם ווי דעמאָלט „יצאו כל צבאות ה' מארץ מצרים"[10], אַזוי וועלן די „צבאות השם" פון אונזער דור ארויסגיין פון דעם איצטיקן גלות לגאולה האמיתית והשלימה ותיכף ומיד ממש.

(משיחות ליל שמח"ת קודם הקפות תשנ"ב)

9) מיכה ז, טו.
10) בא יב, מא.

ע"פ המדובר כמ"פ לאחרונה, שלפי כל הסימנים נמצאים אנו כיום על ספף הגאולה, כאשר „הנה זה (משיח) בא"[1], ותיכף ומיד רגע לאח"ז – **כבר** בא.

מזה מובן גם בנוגע לעבודת בנ"י הנדרשת בשמחת תורה, והמשכה במשך כל השנה כולה, ובמיוחד בשנה זו – עבודה שחדורה עם ענין הגאולה ומשיח. היינו, שהנהגתו של יהודי בכל הענינים בחיי היום-יום שלו גם בזמן הזה תיכף ומיד לפני הגאולה – היא מעין ובדוגמת חיי

והנהגת בנ"י בימות המשיח ממש.

[וזוהי גם ההדגשה המיוחדת בתקופה האחרונה בהנוגע להלימוד ד"הלכתא למשיחא", ההלכות שנוגעות לחיי בנ"י בזמן הגאולה].

אחד הענינים העיקריים לעתיד לבוא – הוא (כמובא לעיל מהתניא) שאז תהי' השלימות ד"אתה הראת לדעת כי ה' הוא האלקים אין עוד מלבדו"[2]: בכל העולם כולו יתגלה איך שאין שום מציאות אחרת זולתו ית', "אין עוד מלבדו".

ובדוגמת זה נדרש גם בחייו של יהודי – שיחוש וירגיש בכל ענייניו ממש, ש"אין עוד מלבדו". זאת אומרת: מלבד זאת שה**כוונה** וה**תכלית** דכל עניני העולם היא אלקות, ובמילא עבודתו היא באופן ש"כל מעשיך לשם שמים"[3], ו"בכל דרכיך דעהו"[4], אבל ישנה מציאות של "חול", "מעשיך" ו"דרכיך" (אלא – שתכליתם הוא קדושה), אלא יתירה מזו: שעניני העולם עצמם הם אלקות, ובמילא לא "נרגשת" מלכתחילה שום מציאות כלל, כי "אין עוד מלבדו" . . .

– ועפ"ז אולי יש לומר הביאור בהעיכוב המבהיל של הגאולה – שהוא מצד זה שהיתה חסרה אצל בנ"י שלימות בדרגת העבודה באופן ד"אני **לא** נבראתי **אלא** לשמש את קוני"[5], שדוקא עי"ז מגיעים להגאולה אשר תהי' באופן זה (ד"אין עוד מלבדו"). – אבל עכשיו כבר הוסר גם עיכוב זה, ובמילא הרי "הכל מוכן לסעודה", סעודת לויתן ושור הבר ויין המשומר[6] בגאולה האמיתית והשלימה תיכף ומיד ממש.

. . . חז"ל אומרים[7]: "אל תגעו **במשיחי**[8] אלו תינוקות של בית רבן".

אחד הביאורים בזה (נוסף להפירוש במפרשים): חינוך תינוקות של בית רבן צריך להיות באופן שהתינוקות נעשים חדורים לגמרי בתוך תוכם עם הענין והנקודה של "משיח", כך, שכאשר רק מעיפים מבט על ילד יהודי, מה רואים? – משיח!

כל מציאותם היא "משיח" – הגילוי ד"אתה הראת גו' אין עוד

מלבדו".

. . . ענין זה מודגש במיוחד בתינוקות של בית רבן דדורנו זה – שנקראים (בהסכמת גדולי ישראל) בשם "צבאות השם":

השם „צבאות השם" מורה – שהילדים מסורים ובטלים לגמרי להקב"ה, בדוגמת (ויותר מ)„חיילים" אל „מפקדיהם" . . ומזה מובן, שבילדי ישראל – ילדים וילדות – דדורנו זה, ניכר עוד יותר בגלוי איך שהם „משיחי", „משיחי" דהקב"ה עצמו, שזה נעשה הכנה והקדמה קרובה להתגלות המשיח הכללי דכל בנ"י, בגאולה האמיתית והשלימה.

ו„כימי צאתך מארץ מצרים אראנו נפלאות"[9]: כשם שאז „יצאו כל צבאות ה' מארץ מצרים"[10], כך „צבאות השם" דדורנו זה יצאו מגלות זו לגאולה האמיתית והשלימה ותיכף ומיד ממש.

**לעילוי נשמת**
החייל ב"צבאות השם" **שכנא** ע"ה
בן ר' **שלמה אלי'** שיחי'
נפטר בדמי ימיו, כ"א מנ"א ה'תשנ"ט
**ת. נ. צ. ב. ה.**
**ולזכות אחיו ואחיותיו שיחיו**
**ולזכות הוריו**
הרה"ת ר' **שלמה אלי'** וזוגתו מרת **שרה** שיחיו
**מארקאוויטש**
לאריכות ימים ושנים טובות עד ביאת גואל צדק
ומתוך בריאות הנכונה, ולשנת ברכה והצלחה בגו"ר
*
**נדפס ע"י ידידיהם**
הרה"ת ר' **יוסף יצחק הלוי** וזוגתו מרת **גיטל רחל** שיחיו
**שגלוב**

הי' שותף בהפצת עניני "משיח וגאולה"!!!
להקדשות ולפרטים נוספים:
טל.: 753-6844 (718) או 934-7095 (323)
אימייל: info@torah4blind.org

Be A Partner
In Spreading *Inyonei Moshiach U'geula*!!!
To Dedicate This Publication
In Honor Of Your Family Or A Loved Ones
For More Info. Call:
(718) 753-6844 or (323) 934-7095
or email: info@torah4blind.org

For this and other books on Moshiach & Geulah, go to:
http://www.torah4blind.org
**To dedicate an issue in honor of a loved one, call (323) 934-7095**